בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' | פ' דברים | כ"ט תמוז | תשע"א | פסחים: פ:

# באריכט:

דעם פארגאנגענעם ליל שב"ק איז דע רבי שליט"א אריינגעקומען אין ביהמ"ד אין ניו העמפשיר צום עריכת השלחן ארום 20 מינוט נאכ'ן גוט שבת זאגן. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' ישראל חיים סאמעט שליט"א רב דק' סאמבור ב"פ, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יעקב יושע פריעדמאן הי"ו פון בראזיל.

ביי די דברות קודש האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ה', און אויסגעטייטשט בדרך דרוש אין די סוגיא פון דבר שיש לו מתירין.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר וואלף גליק הי"ו פון קרית יואל, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יעקב אלי' אונסדארפער שליט"א אבד"ק ראשית חכמה מאנטריאל, מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יושע אייזען הי"ו פון וויליאמסבורג.

עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פונעם בעל הילולא זקינו הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע, מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אליעזר היילברוין הי"ו פון קרית יואל.

שב"ק בייטאג האט דער רבי שליט"א געדאווענט פאר'ן עמוד שחרית און מוסף לרגל די הילולא קדישא. ביי קריאת התורה האט דער רבי שליט"א קורא שם געווען לבת הנולדה לר' הערשל קאהן הי"ו פון קרית יואל, און נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער קידושא רבה, וועלכער איז אויך געפראוועט געווארן לרגל די הילולא פון הייליגן ישמח משה זי"ע.

ביים טיש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר קאפל שעהנברוין הי"ו פון קרית יואל מיט ברוך ה', און מיט ברוך א-ל עליון האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר שלום לאנדא הי"ו פון וויליאמסבורג, און מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' עמרם כהן שליט"א.

ביי שלש סעודות האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מיט אודה מוה"ר יעקב יושע פריעדמאן הי"ו פון בראזיל, און מיט שיר המעלות האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר וואלף שניצער הי"ו פון קרית יואל.

ביי די דברות קודש האט דער רבי שליט"א זיך געשטעלט אויפ'ן פסוק ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ה', און אויסגעטייטשט מיט א זרע קודש אז דער אויבערשטער איז מתפלל צוזאמען מיט אידישע קינדער, און דער רבי שליט"א האט מוסיף געווען אז דאס איז נאר אויב מען לערנט תורה, דעמאלטס כשר'ט מען דאס מויל צו קענען מתפלל זיין, אויב לערנט נישט מען קיין תורה איז דער אויבערשטער נישט מתפלל מיט אזא מויל, און דערביי האט דער רבי שליט"א מאריך געווען בדברי מוסר והתעוררות אז דער חורבן ביהמ"ק איז אויך געקומען צוליב וואס מען האט נישט געלערנט קיין תורה ממילא האט מען נישט געקענט מתפלל זיין, ווי דער נביא איז מקונן גם כי אזעק ואשוע סתם תפלתי.

מיט ידיד נפש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר שמעון הירש הי"ו פון קרית יואל, און מיט קל מסתתר האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר משה יודא הירש הי"ו פון קרית יואל.

***

מוצש"ק ארום 12:00 אזייגער איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען אין ביהמ"ד צו די מלוה מלכה לרגל די הילולא קדישא פון הייליגן ישמח משה, ווי מען האט געזינגען די זמירות למוצש"ק און דערנאך האט דער רבי שליט"א דערציילט עובדות וסיפורים פונעם בעל הילולא זי"ע א לענגערע שעה.

מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' ישראל חיים סאמעט שליט"א רב דק' סאמבור ב"פ.

***

## הגה"צ אבד"ק קרית רמ"א וחבר הבד"ץ שליט"א צוגאסט אין לאנדאן

הגה"צ ר' יושע ראזענבערגער שליט"א אבד"ק קרית רמ"א בית שמש וחבר הבד"ץ העדה החרדית, וועלכער איז אצינדד אין די טעג צוגאסט אין לאנדאן לטובות מוסדות רמ"א בית שמש, האט דעם פארגאנגענעם שב"ק בייטאג געדאוונט אין בית מדרשינו הגדול ווי דער חשוב'ער גאסט שליט"א איז מכובד געווארן מיט תפילת שחרית.

היינט אויפדערנאכט האט דער רב שליט"א באשיינט דעם אויבן אהן ביים צענטראלן דינער לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק וועלכער איז פאהרגעקומען אין זאל פון ישמח לב.

***

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**

**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**